

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'** הר"ר יואל כץ הי"ו

# שאלות אויף פרשת שופטים

**א. וועלכע סדרה גייט די וואך ?** שופטים.

**ב. וואס איז טייטש שופטים ?** דיינים.

**ג. וואס טוהן דיינים ?** זיי פסק'ענען שאלות.

**ד. אוואו האט דער אייבישטער געהייסן שטעלן דיינים ?** אין יעדע שטאט.

**ה. וואס נאך האט מען געהייסן שטעלן ?** ערליכע פאליציי.

**ו. וואס דארפן די פאליציי מאכן ?** אכטונג געבן אז מען זאל פאלגן וואס די דיינים הייסן.

**ז. מעג מען אוועקווארפן די עסן וואס די מאמע גיבט צו עסן אין חדר ?** ניין.

**ח. וועלכע עבירה האט מען אז מעןווארפט אוועק עסן ?** די עבירה פון "בל תשחית.

**ט. נאר וואס דארף מען טוהן מיט דעם ?** מען דארף עס אויפעסן.

**י. פארוואס דארף מען עסן ?** מען זאל האבן כח צו לערנען די הייליגע תורה.

**יא. אויב מען עסט אויף וואס די מאמע גיבט האט מען ?** אַ גרויסע מצוה.

**יב. און שפילערייען וואס מען קען זיך שפילן מיט דעם מעג מען צוברעכן ?** ניין.

**יג. וועלכע חודש איז יעצט ?** חודש אלול.

**יד. וואס הייבט מען אן פון די ערשטע טאג פון חודש אלול ?** צו בלאזן מיט אַ שופר.

**טו. פארוואס בלאזט מען מיט אַ שופר ?** אונז צו דערמאנען אז מ'דארף תשובה טוהן פאר עס גייט קומען די נייעם יאר.




# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

מכינה ב' הר"ר יואל כף הי"ו

# די וואך פרשת שופטים האבן מיר פארציילט:

## שופטים ושוטרים תתן לך...

ווען די אידן גייען אריין גיין אין די הייליגע לאנד ארץ ישראל האבן זיי א מצוה צו לייגן ביי יעדע שטאט דיינים מיט פאליציי, דיינים דאס איז חשוב'ע מענטשן וואס זיי פסק'ענען שאלות, טאמער צוויי אידן האבן א שאלה און מ'ווייסט נישט וואס צו טוהן צ.ב.ש. טאמער איינער טרעפט א זייגער און צוויי מענטשן קומען זאגן אז ס'איז זייער'ס פארוועמען דארף מען עס געבן, אדער א שכן וויל צוברעכן א וואנט ביי זיין שטוב ווייל ער וויל מאכן גרעסער זיין סוכה אדער א צימער און א אנדערער שכן לאזט איהם נישט דארף מען גיין צו די דיינים, ס'איז א בית דין וואס דארט זיצן דריי חשוב'ע מענטשן וואס לערנען די הייליגע תורה און זיי ווייסן אלע שאלות וואס צו טוהן און מ'דארף זיי פאלגן וואס זיי זאגן, און אויב חלילה איז דא מענטשן וואס פאלגן נישט די דיינים איז דא וועגן דעם אידישע פאליציי וואס גייען מיט קאפלעך און פיאות און ציצית און זיי האבן שטעקענעס מיט פאסיקעס און זיי מעגן שלאגן אויב מ'פאלגט נישט די דיינים, איז די דיינים מיט די פאליציי האט מען געדארפט לייגן ביי יעדע שטאט און שטאט אזוי ווי ירושלים - בני ברק - מירון - אלעד - צפת, די דיינים האבן נישט געטארט מורא האבן פון קיינעם נישט אפילו נישט פון שטארקע מענטשן נאר פון דער אייבישטער, זיי האבן געדארפט זאגן נאר אמת חלילה נישט קיין ליגנט, און ווען א איד איז געגאנגען צו דיינים פון די גוים און נישט פון די אידן האט ער געמאכט זייער א גרויסע עבירה.

## איסור בל תשחית

בל תשחית איז זייער א גרויסע עבירה, וואס איז דאס בל תשחית, א יעדע זאך וואס מ'קען נאך ניצן אדער עסן און טרינקען אדער אנטוהן און מ'ווארפט עס אוועק הייסט עס בל תשחית, אויב איינער לאזט איבער אביסל פון א לבן אדער פון א באדי, אדער די מאמע שיקט אין חדר ברויט אדער א עפל און מ'ווארפט עס אוועק מאכט ער א עבירה, אפילו ביסלי אדער במבה אדער א וופלה פון א פעקעלע פון א נייע אינגל אדער פון א פעקעלע פון שבת טאר מען נישט אוועקווארפן, מען טאר אויך נישט צורייסן א צעטעלע וואס מ'קען שרייבן אויף דעם, אדער א פארב וואס מ'קען פארבן מיט דעם טאר מען נישט צוברעכן, א טעשעלע וואס מ'לייגט אריין דארט די ברויט טאר מען נישט צורייסן אדער שלעפן ווייל ס'קען זיך צורייסן, א שפילעריי קליקס אדער לעגוי אדער א ביציגל טאר מען נישט ווארפן ווייל ס'קען זיך צוברעכן, די אלע זאכן איז א עבירה פון "בל תשחית".



# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

**מכינה ב'** הר"ר יואל כף הי"ו

## צער בעלי חיים

מיר האבן פארציילט פאר די קינדער די מעשה פון א אינגל וואס הייסט שאול יצחק און מ'רופט איהם "דער ווילדער שאול יצחק" ווייל אייביג האט ער געמאכט צער בעלי חיים, וואס איז דאס צער בעלי חיים, אז מ'טשעפעט מיט א טויבעלע אדער א קעצעלע, און אפילו מ'שטויסט מיט די פוס אויף די ערד נעבן די טויבעלע און די טויבעלע פליט אוועק ווייל ס'דערשרעקט זיך, טאר מען אויך נישט, און אפילו א קעצעלע וואס איז א טמא'נע חיה טאר מען נישט טשעפען, אפילו קוקן אויף א טמא'נע חיה טאר מען אויך נישט.

## לשמוע קול שופר

די וואך פאנגט זיך אן חודש אלול, חודש אלול פאנגט מען אן יעדן טאג נאכ'ן דאווענען צו בלאזן מיט א שופר, אויך אין חדר בלאזן מיר מיט א שופר צו דערמאנען אז ס'קומט שוין ראש השנה, און ראש השנה גייט דער אייבישטער משפט'ן די גאנצע וועלט, און מ'דארף שוין מאכ'ן תשובה אויף אלע עבירות, און מ'דארף אנהייבן צו מאכן מער מצוות, הויעך ברכות, פאלגן די טאטע מיט די מאמע, מוותר זיין, א.א.וו.

| |
|---|
| מיר האבן גע'חזר'ט זאכן וואס הייבט זיך אן מיט די אות **ק' ר'** |
| **ק**ינדער, **ק**אטשקעלעך, **ר**אש השנה, **ר**ויגעלעך. |

*בברכת אַ גוט שבת און פיל נחת פון די קינדער*

*המלמד*

## *ניגונים אויף אידיש:*

***איסור צער בעלי חיים:***

*צער בעלי חיים, צער בעלי חיים,*
*מען טאר נישט מאכן אַ ביבי פאר אַ חיה,*
*אויב מען מאכט אַ ביבי פאר אַ חיה,*
*הייבט ער אן צו וויינען,*
*מעמע עס טוט מיר וויי, מעמע עס טוט מיר וויי,*
*עס שטייט אין די הייליגע תורה,*
*מען טאר נישט טשעפען מיט אַ חיה,*

***איסור בל תשחית:***

*איך וויל נישט עסן, קיינער וועט נישט זעהן,*
*אריין אין מיסט, וועט עס גיין,*
*פארוואס זיך ביינן, אלע מאל אויפהייבן,*
*זאל עס קאליע ווערן, און וואס וועט זיין,*
*חלילה חלילה חלילה חלילה, ווייסטו וואס דו טוסט*
*אוי אוי אוי אוי אוי אוי, עובר בל תשחית דו ביסט*